**וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענט**

# MMR (מיזעלס, מאמפס און רובעלא) וואקסינאציעס

## *וואס איר דארפט וויסן*

Many Vaccine Information Statements are available in Spanish and other languages.
See www.immunize.org/vis.
עס זענען דא פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס אויף ספאניש און
אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

## 1 פארוואס זאל מען זיך לאזן וואקסינירן?

מיזעלס, מאמפס און רובעלא זענען ערנסטע קראנקהייטן. פאר עס זענען געווען וואקסינען האבן זיי זיך געמאכט זייער אפט, ספעציעל ביי קליינע קינדער.

### מיזעלס

- דער מיזעלס ווירוס ברענגט אויסשלאג, הוסטן, רינענדיגע נאז, אויגן קראצונגען, און פיבער.
- עס קען דערפירן צו אויערן אנטצינדונג, לונגען אנטצינדונג, סיזשערס (פלוצים'דיגע טרייסלונגען און פאר'גלאטזונגען), שעדיגן דעם מח, און טויט.

### מאמפס

- דער מאמפס ווירוס ברענגט פיבער, קאפ וויטאג, מוקסל וויטאג, אפעטיט פארלוסט, און געשוואלענע דרוזן.
- עס קען דערפירן צו טויבקייט, מענינדזשייטיס (אנטצינדונג אינעם מח און חוט השדרה איבער-דעקונג), ווייטאגליכע געשווירן פון די טעסטיקלס אדער אווריס, און, זעלטן, סטעריליטעט.

### רובעלא (דזשערמן מיזעלס)

- דער רובעלא ווירוס ברענגט אויסשלאג, ארטרייטיס (מערסטענס ביי פרויען), און מילדע פיבער.
- אויב א פרוי באקומט רובעלא אין דער צייט וואס זי שוואנגערט, קען זי האבן א מיס-קערידזש, אדער קען דאס קינד געבוירן ווערן מיט ערנסטע געבורטס פעלערן.

די קראנקהייטן פארשפרייטן זיך פון איין מענטש צום צווייטן דורך די לופט. איר קענט זיי גרינג איבערכאפן דורך זיך דרייען ארום איינעם וואס איז שוין אנגעשטעקט.

די מיזעלס, מאמפס און רובעלא (MMR) וואקסין קען באשיצן קינדער (און ערוואקסענע) פון די אלע דריי קראנקהייטן.

אדאנק סוקסעספולע וואקסינאציע פראגראמען טרעפן זיך די קרענק אסאך וויניגער אין די פאראייניגטע שטאטן ווי עס פלעגט זיין. אבער אויב זאלן מיר אויפהערן זיך צו וואקסינירן וועלן זיי צוריקקומען.

## 2 ווער זאל באקומען די MMR וואקסין און ווען?

קינדער דארפן באקומען 2 דאזעס פון דער MMR וואקסין:

- ערשטע דאזע: ביים עלטער פון 12-15 מאנאטן
- צווייטע דאזע: ביים עלטער פון 4-6 יאר (קען שוין ווערן געגעבן פריער, אויב עס אמווייניגסטנס 28 טעג נאך די ערשטע דאזע)

טייל פיצלעך אונטער 12 מאנאטן זאלן באקומען א MMR דאזע אויב זיי פארן ארויס פון לאנד. (די דאזע וועט נישט גערעכנט ווערן אלס א טייל פון זייער רוטינע סעריע)

געוויסע דערוואקסענע מענטשן דארפן אויך באקומען די MMR וואקסין: אין אלגעמיין, סיי ווער וואס איז 18 יאר אלט אדער עלטער, וואס איז געבוירן געווארן שפעטער ווי 1956, דארף באקומען ווייניגסטענס איין דאזע פון דער MMR וואקסין, אויסער אויב זיי קענען ווייזן אז זיי זענען שוין וואקסינירט געווארן אדער שוין געהאט אלע דריי קראנקהייטן.

די MMR וואקסין קען געגעבן ווערן אין דער זעלבע צייט ווי אנדערע וואקסינאציעס.

פאר קינדער וואס זענען צווישן 1 און 12 יאר אלט קען געגעבן ווערן א "קאמבינאציע" וואקסין, מיטן נאמען MMRV, וועלכע אנטהאלט סיי די MMR און סיי די "וואריסעלע" (טשיקן-פאקס) וואקסינאציעס. עס איז דא א באזונדערע וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענט פאר MMRV.

## 3 געוויסע מענטשן זאלן נישט באקומען די MMR וואקסין, אדער זאלןווארטן.

- סיי ווער עס האט אמאל געהאט א לעבנס-געפאר'דיגע אלערגישע רעאקציע צו די אנטיביאטיק "ניאמייסין", אדער צו סיי וועלכע עלעמענט פון MMR וואקסין זאל נישט באקומען די וואקסין. זאגט אייער דאקטאר אויב האט איר סיי וועלכע ערנסטע אלערגיעס.
- סיי ווער עס האט אמאל געהאט א לעבנס-געפאר'דיגע אלערגישע רעאקציע צו די אנטיביאטיק "ניאמייסין", אדער צו א פריערדיגע דאזע פון דער MMR וואקסין זאל נישט באקומען נאך א דאזע.
- טייל מענטשן וואס זענען קראנק אין דער צייט וואס מען האט געפלאנט צו נעמען די איינשפריצונג, קענען מעגליך ווערן געראטן צו ווארטן ביז זיי ערהוילן זיך איידער זיי נעמען די MMR וואקסין.
- שוואנגער'דיגע פרויען זאלן נישט באקומען די MMR וואקסין. שוואנגער'דיגע פרויען וועלכע דארפן די וואקסין זאלן ווארטן ביז נאכן געבורט. פרויען זאלן פארמיידן דאס ווערן שוואנגערדיג ביז 4 וואכן נאכן וואקסינירונג מיט א MMR וואקסין.

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

- זאגט אייער דאקטאר אויב דער מענטש וואס באקומט די וואקסין:
  - האט HIV/AIDS, אדער אן אנדערע קראנקהייט וועלכע באווירקט דעם אימיון סיסטעם
  - ווערט באהאנדלט מיט מעדעצינען וועלכע באווירקן דעם אימיון סיסטעם, אזוי ווי למשל "סטערוידס"
  - האט סיי וועלכע סארט קענסער
  - ווערט באהאנדעלט פאר קענסער מיט ראדיאציע אדער מעדעצינען
  - האט אמאל געהאט א נידריגע "פלעילעט" ציילונג (א געוויסע בלוט שטערונג)
  - האט באקומען א אנדערע וואקסין אין די לעצטע 4 וואכן
  - האט לעצטענס געהאט א בלוט-טרענספיוזשען אדער באקומען אנדערע בלוט פראדוקטן

יעדע איינס פון די קען זיין א סיבה נישט צו נעמען דעם וואקסין, אדער אפשטיפן די וואקסינאציע אויף שפעטער.

## 4 וואס זענען די ריזיקעס פון נעמען די MMR וואקסין?

א וואקסין, פונקט ווי יעדע מעדעצין, קען פאראורזאכן ערנסטע פראבלעמען, ווי למשל ערנסטע אלערגישע רעאקציעס.

די ריזיקע אז די MMR וואקסין זאל צושטאנד ברענגען אן ערנסטע שאדן, אדער טויט, איז אויסערגעווענליך קליין.

דאס באקומען די MMR וואקסין איז פיל וויניגער ריזיקאליש ווי דאס באקומען מיזעלס, מאמפס אדער רובעלא.

מערסטענס מענטשן וואס באקומען די MMR וואקסין האבן נישט קיין שום ערנסטע פראבלעמען דערמיט.

מילדע פראבלעמען

- פיבער (מערסטענס 1 מענטש פון 6)
- מילד אויסשלאג (ארום 1 מענטש פון 20)
- געשוואלענע דריזן אין די באקן אדער האלדז (ארום 1 פון 75 מענטשן)

אויב די פראבלעמען פאסירן, איז עס געווענליך אין פארלויף פון 6-14 טעג נאך דער איינשפריצונג. עס פאסירט וויניגער נאך דער צווייטע דאזע.

מיטלמעסיגע פראבלעמען

- סיזשערס (פלוצים'דיגע טרייסלונגען און פאר'גלאצונגען) פאראורזאכטע דורך פיבער (ארום 1 פון 3,000 דאזעס)
- צייטווייליגע ווייטאג און שטייפקייט אין די דזשוינטס, אממערסטענס ביי "טין-עידזש" אדער דערוואקסענע פרויען (מערסטענס 1 פון 4)
- צייטווייליג נידריגע "פלעיטלעט" ציילונג, וועלכע קען פאראורזאכן א בלוטיקונג אומארדענונג (ארום 1 פון 30,000 דאזעס)

ערנסטע פראבלעמען (זייער זעלטן)

- אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (וויניגער ווי 1 פון א מיליאן דאזעס)
- עטליכע אנדערע ערנסטע פראבלעמען זענען באריכטעט געווארן נאכדעם וואס א קינד באקומט די MMR וואקסין, דאס רעכנט אריין:
  - טויבקייט
  - לאנג-טערמין'דיגע סיזשערס, קאמע, אדער א נידריגער באוווסטזיין
  - פערמענאנטע מח שאדן

די זענען אזוי זעלטן, אז עס איז שווער צו זאגן אויב זיי ווערן פאראורזאכט דורך די וואקסין.

## 5 וואס טאט מען אויב עס פאסירט א ערנסטע רעאקציע?

**אויף וואס זאל איך אויפפאסן?**

- יעדע אום-געוועגליכע צושטאנד, אזוי ווי למשל הויכער פיבעראדער אומגעווענליכע אויפפירונג. די סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע קען איינשליסן שווערקייטן ביים אטעמען, הייזעריג'קייט אדער ווידזינג, הייווס, בלאס'קייט, שוואכקייט, א שנעלער הארץ-קלאפעניש, אדער שווינדלען.

**וואס זאל איך טאן?**

- רופט א דאקטאר, אדער נעמט דעם מענטש זאפארט צו א דאקטאר.
- דערציילט דעם דאקטאר וואס עס האט פאסירט, דעם דאטום און די צייט ווען עס האט פאסירט, און ווען די וואקסינאציעס זענען געגעבן געווארן.
- פארלאנגט פון אייער דאקטאר אריין צו געבן א באריכט פון דער רעאקציע דורך אויספילן א "וואקסין עדוורס עווענט רעפארטינג סיסטעם" (VAERS) צעטל. VAERS

אדער קענט איר אליין אריין געבן דעם באריכט דורך דעם VAERS וועב-זייטל אויף **www.vaers.hhs.gov**, אדער דורך טעלעפאנירן **1-800-822-7967**

*VAERS שטעלט נישט צו קיין מעדעצינישע באראטונגען.*

## 6 דער "נאציאנאל וואקסין שעדיגונג אנטשעדיגונג פראגראם"

די "נאציאנאל וואקסין שעדיגונג אנטשעדיגונג פראגראם" (VICP) איז געגרינדעט געווארן אין 1986.

מענטשן וועלכע האלטן אז זיי מעגליך געשעדיגט געווארן דורך א וואקסין, קענען זיך אינטערעסירן איבער דעם פראגראם און איבער איינגעבן א קלאגע דורך רופן 1-800-338-2382 אדער באזוכן די VICP וועבסייט אויף www.hrsa.gov/vaccinecompensation .

## 7 וויאזוי קען איך געוואר ווערן מער אינפארמאציע?

- פרעגט אייער דאקטאר. 1-888-767-4687
- רופט אייער לאקאלער אדער סטעיט העלט דעפארטמענט.
- פארבינדט זיך מיט די "סענטערס פאר דיזיז קאנטראל ענד פרעווענשאן":
  - רופט 1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)
  - באזוכט דאס CDC וועב זייטל אויף: www.cdc.gov/vaccines

Vaccine Information Statement (Interim)

**MMR Vaccine**

4/20/2012 Yiddish

42 U.S.C. § 300aa-26

Office Use Only

Translation Provided by New York City Department of Health and Mental Hygiene

DCH–0454Y
AUTH: P.H.S., Act 42, Sect. 2126.

כדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פארזארגער צו האָבן גענויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וויאויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפרואוומענט רעדזשיסטרי. יחידים האבן די רעכט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פארזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.